פרשת משפטים, א' אדר תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון ס"ד

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות........................5:10
מוצאי שבת..............................6:42

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## א מעשה פון תפלה

### יקותיאל פעלדמאן

פארגאנגענעם דאנערשטאג יתרו בין איך געפארן העלפן אונזער חבר בנציון יאקאבאוויטש ארויסשלעפן זיין קאר פון די שניי, אינמיטן אים העלפן בין איך אויך שטעקן געבליבן אין די שניי, מען האט פרובירט אלע וועגן אבער עס האט נישט געהאלפן, איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן זיך ביידע ארויסזעהן פון די הויכע שניי, אינמיטן זעען מיר א שלעפער טראק קומט צו פארן אונז ארויסצוהעלפן, זעהט אויס איינער פון די וואס האבן זיך דערוויסט פון אונזער מצב האט אנגערופן דעם קאמפאני ער זאל אונז ארויסהעלפן, למעשה איז די טראק אויך שטעקן געבליבן, מיר האבן ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן, ברוך השם נאך אפאר שעה זיין דארט האבן מיר זיך אלע ארויסדערזעהן פון דארט, אלעס מיט די כח פון תפלה. שכח אייבערשטער!

### יוסי פריעדמאן

איך האב געהאלטן אינמיטן פאררעכטן א בוילער, עס איז געווען איין שטיקל וואס איך האב געוואלט ארויסנעמען אבער ס'נישט געגאנגען, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל זיך גרינגערהייט ארויסדרייען אן קיין איבריגע עגמת נפש, שכח אייבערשטער נאך אפאר מינוט איז עס ארויסגעקומען.

### יוסי שניטצלער

איינע פון מיינע קינדער האבן געהאט אסאך לעכער אין די ציין, זי האט זיך נישט געוואלט לאזן עס פאררעכטן, איך האב געפרעגט דעם ראש ישיבה אויב איך זאל גיין אין שפיטאל עס דארט פאררעכטן - ווייל דארט קען מען איינשלעפן, דער ראש ישיבה האט מיר ג'עצה'ט איך זאל דאס טוהן, די שפיטאל איז אפאר שעה ווייט פון שטעטל און אויך דארף מען האבן א קאראנא טעסט דווקא פון יענעם שפיטאל, און עס מוז זיין געמאכט אין די דריי טעג פונעם אפוינטמענט, איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן מיין ווייב זאלן קענען אנקומען אהין מיט מיין קינד סיי צו מאכן דעם טעסט און סיי אינעם טאג פונעם אפוינטמענט, און איך זאל האבן די געלט פאר די קאר, און פארשטייט זיך אלע ציינער זאלן ווערן גוט פאררעכטן, שכח אייבערשטער אלעס האט זיך פיין אויסגעשטעלט נאך בעסער ווי געררעכטן!

## ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשוב'ע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן ביי אונז אין שטעטל

**נחום ברילל נ"י וזוגתו שרה רבקה תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל, און זיי זאלן קענען אויפציען די קינדער אויף דעם הייליגן רבינ'ס וועג און זעהן פון זיי אסאך אידיש נחת.

## נייעס אין שטעטל

**הנהלה זיצונג**

פארגאנגענעם דאנערשטאג פרשת יתרו איז פארגעקומען א וויכטיגע הנהלה מיטינג צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א וואס איז ספעציעל געקומען צו פארן כדי צו קענען זיין ביי דעם מיטינג און אדורך גיין אלע וויכטיגע ענינים וואס איז נוגע פאר'ן עתיד פונעם שטעטל קרית ברסלב ליבערטי.

מיר וועלן אראפ ברענגען עטליכע פונקטן וואס איז געווארן אויסגעשמועסט.

א) סיידוואלקס: ווען מען גייט אויפ'ן ראוד בפרט ביינאכט איז עס זייער נישט באקוועם פאר די מענטשן צו גיין – און אסאך מאל א גרויסע סכנה, צוליב דעם איז געווארן אויסגעשמועסט אז מען זאל אהערשטעלן סיידוואלקס פאר די באקוועמליכקייט פונעם ציבור, ווען עס וועט זיין מער פרטים וועט מען עס דא מעלדן.

ב) קלאס רומס: אזוי ווי עס האלט אין איין צוקומען פרישע קינדער צום מוסד איז געווארן אויסגעשמועסט אויב מען זאל צובויען נאך קלאסן צום יעצטיגן בנין המוסד אדער גאר אפקויפן נאך א בנין.

ג) שוחטים: די שוחטים פון די קהלה געשטעלט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א לערנען פלייסיג די הלכות שחיטה, און לעצטנס זענען די חשוב'ע שוחטים ספעציעל אראפגעפארן צו א שלאכט הויז זיך צו לערנען שחט'ן, מען האפט בקרוב צו קענען מעלדן מער פרטים ווען עס וועט זיך אנהייבן די שחיטה פאר אונזער קהילה.

ד) לייט פאולס: ביינאכט ווען מען שפאצירט אין שטעטל איז זייער טונקל, מען ארבעט יעצט אויס מיט די עלעקטער קאמפאני זיי זאלן אינסטאלירן לייט פאולס ביי אלע הייזער.

ה) דירות: עס איז געווארן אויסגעשמועסט די דירות מאנגל וואס איז דא אין שטעטל, אסאך משפחות ווארטן זיך אהערצוציען אבער עס איז נישטא וואו, מיט תפלה וועט מען עס אויס'פויעל'ן אם ירצה השם.

ו) ביקור חולים: מען ארבעט יעצט אויס מיט די שפיטאל באאמטע ביי הערריס שפיטאל מען זאל אריינלאזן די פרויען פון שטעטל זיי זאלן גיין באזוכן די קראנקע (וואס איז נישט יעצט ערלויבט צוליב קאראנע) און זעהן עס זאל אלץ זיין עסן אין די ביקור חולים צימער.

ז) בית החיים: די ראש ישיבה לערנט אונז אויס מען זאל לעבן מיט תכלית און געדענקען אז מען בלייבט נישט דא אויף אייביג, דערפאר איז געווארן אויסגעשמועסט וואו עס וואלט געווען די פאסיגסטע פלאץ פאר'ן בית החיים, ווען מען וועט האבן מער פרטים וועט מען עס דא מעלדן אי"ה.

דאס איז אלעס אויפ'ן שפיץ גאפל, גאר אסאך פרטים זענען געווארן אויסגעשמועסט ביי דעם – איבער פיר שעה'דיגן – מיטינג, מיר האפן ביי א צווייטע געלעגנהייט צו מעלדן מער פרטים.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת יתרו, כ"א שבט, שנת תשפ"א לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר, קרית ברסלב ליבערטי**

זע צו רעדן מיט יעדן איינעם פון רבי'ן; אלע דיינע דיבורים זאלן זיין פון רבי'ן. בפרט ווען דו רעדסט מיט אנשי שלומינו זאלסטו דערציילן וואס מען איז זוכה ווען מען ווערט מקורב צום רבי'ן, דאס וועט דיר ברענגען ישועות.

מוהרא"ש דערציילט, ער האט געהערט פון רבי לוי יצחק בענדער זכרונו לברכה, די רוסן האבן אים איינגעשפארט אין תפיסה, ער איז געזעצן דארט פופצן וואכן, ער מיט נאך איינעם פון אנשי שלומינו, מען האט זיי ביידע דן געווען למיתה רחמנא לצלן. די לעצטע נאכט האט אים יענער געזאגט: "אזוי ווי היינט נאכט איז דער לעצטער נאכט דארפן מיר זאגן 'תיקון חצות'", האט אים רבי לוי יצחק געזאגט: **"אויב איז היינט אונזער לעצטע נאכט בזה העולם, דארפן מיר רעדן פון רבי'ן"**.

זיי האבן גערעדט א גאנצע נאכט פון רבי'ן, צומארגנס האט מען זיי אוועקגעפירט קיין קיעוו, דארט זענען זיי געראטעוועט געווארן מיט גרויסע נסים. זעט מען פון דעם דאס גרויסקייט פון רעדן פון הייליגן רבי'ן.

אויך זאלסטו גיין אביסל התבודדות יעדן טאג; פעלץ דיך גוט אן, טו אן ווארימע שטיוול, גיי אין פעלד און שריי זיך אויס דיין הארץ.

...

בעזרת ה' יתברך- יום ג' פרשת יתרו, כ' שבט, שנת תשפ"א לפרט קטן

**לכבוד אנשי שלומינו, תושבי קרית ברסלב ליבערטי שיחיו**

איך בעט זייער אלע אנשי שלומינו מען זאל נישט קומען אין שול דורכ'ן טאג נאר צו דאווענען און לערנען.

פון צען אזייגער ביז פיר אזייגער נאכמיטאג נוצט מען דעם בית המדרש פאר'ן כולל און פאר די ישיבה קטנה; מען קען נישט קומען פארברענגען, עס שטערט סיי דעם מגיד שיעור ר' ... נרו יאיר און סיי די כולל אינגעלייט.

דער בית המדרש איז נישט קיין פלאץ צו פארברענגען; דער בית המדרש איז פאר לערנען און דאווענען. איך וויל נישט דארפן פארשפארן דורכ'ן טאג דעם בית המדרש, איך האף מען וועט פאלגן.

...

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת יתרו, שובבי"ם, י"ח שבט, שנת תשפ"א לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר, גבאי בית המדרש היכל הקודש קרית ברסלב, ליבערטי ניו יארק**

זע מען זאל נישט שמועסן ביים דאווענען, דאס דאווענען זאל זיין מיט יראת שמים, אזוי ווי עס פאסט אינעם בית המדרש פון רבי'ן.

זע מען זאל דאווענען מיט א געשמאק, **נישט אפכאפן און נישט אויסציען**. דער ערשטער מנין שחרית אינדערוואכן זאל מען דאווענען שנעל, אז די אינגעלייט וואס גייען ארבעטן זאלן זיין צייטליך, אבער מנחה מעריב און כל שכן שבת קודש - זאלסטו נישט אפכאפן, **נאר דאווענען געשמאק**.

ווי עס זעט יעצט אויס וועל איך נישט קומען דעם שבת מברכים און אויך נישט שבת מברכים ניסן; איך האף צו קומען מיט'ן אייבערשטנס הילף אויף יום טוב פסח, אזוי אויך וועל איך פרובירן צו קומען אינמיטן די וואך.

...

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת יתרו, כ"א שבט, שנת תשפ"א לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר, קרית ברסלב ליבערטי**

**דו וואוינסט אין שטעטל, ממש אין גן עדן;** א פלאץ וואו מען קען זיך מתבודד זיין, גייסט ארויס איין טריט פון שטוב - ביסטו שוין אין פעלד, דו קענסט זיך גוט מתבודד זיין, זיך אויסשרייען דאס הארץ צום אייבערשטן.

דער רבי האט געזאגט: "מיינע לייט וועלן זיך געפונען וואו מענטשן גייען נישט און וואו היינער קרייען נישט"; **אין שטעטל קען מען זיך גוט מתבודד זיין.**

מאך זיך א קביעות, יעדן אינדערפרי זאלסטו גיין אביסל אין פעלד; בעט דעם אייבערשטן ער זאל רחמנות האבן אויף דיר, זאלסט לעבן מיט א שטארקע אמונה און דיינע דורות זאלן האבן אמונה.

**א) וואס האט רבי נתן זיך אנגערופן פאר ר' נחמן טולטשינער נאכדעם וואס ער איז אהיימגעקומען פון זיין רייכע פעטער?**

**ב) וואס האט מוהרא"ש זיך אנגערופן פאר דעם בחור וואס איז געקומען זאגן אז ער האט נאכנישט פארפאסט קיין איין טאג פון זאגן ח"י פרקים משניות?**

חידות אפטיילונג



שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161
אדער גיבט איבער די תירוצים פאר'ן מלמד אדער טיטשער.

**ענטפערס פון פאריגע וואך**

א) אונזער גרויסקייט און אונזער שיינקייט וכו'
ב) זעהן עוסק זיין אין הפצה

טייערע חשובע פרויען!
ווערט א "בניע" מעמבער, יעדן ערב שבת פאר ליכט צינדן ווען מען בעט דעם אייבערשטן פאר גוטע קינדער, ווערט אייער קארד ווערן געטשארדזשט מיט 5$.

רופט שוין אריין זיך איינצושרייבן
929-630-6070




קרית ברסלב פלעי גרופ

צו איינשרייבן א קינד
רופט מרת יאקאבאוויטש תחי'
646-771-6936